בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת חקת בלק תש"פ — גליון 558 [שנה י"ב]

## לפרשת חקת

**וואס איז געווען די טענה פון כלל ישראל אויף די מָן?**

לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל: (כא ה) דארף מען פארשטיין וואס מיינט אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם, זיי האבן געהאט דאך לֶחֶם, די מָן, און זיי האבן נאך געהאט מַיִם, די בְּאֵרָה שֶׁל מִרְיָם, ווי די גמרא ברענגט (תענית ט.) נאך די פטירה פון מִרְיָם האבן די אידן צוריק באקומען די בְּאֵר אין זכות פון אהרן און משה? אויך איז שווער וואס מיינט בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל? נאר עס שטייט אין חז"ל אז אין די מָן האבן די אידן מרגיש געווען אלע טעמים פון עסן, און דאס זעלבע שטייט אז אין די וואסער פון בְּאֵרָה שֶׁל מִרְיָם, האבן די אידן מרגיש געווען אלע טעמים פון משקין, אבער נאך די הסתלקות פון מִרְיָם און אהרן, אפילו זיי האבן געהאט די מָן און די בְּאֵר, האבן זיי שוין נישט זוכה געווען צו מרגיש זיין אין די מָן און אין די וואסער אלע טעמים, דעריבער האבן זיי געזאגט אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם, ווייל זיי האבן שוין נישט מרגיש געווען די אלע טעמים, נישט אין די לֶחֶם, און נישט אין די מַיִם, דאס מיינט וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל, צוליב וואס זיי האבן שוין נישט מרגיש געווען אלע טעמים איז דאס געווען–לֶחֶם הַקְּלֹקֵל– נמאס ביי זיי. (שפתי צדיק להגה"צ ר' פינחס מנחם מפיליץ)

**פארוואס וועלן כלל ישראל קראנק ווערן פון די מָן?**

וַיְדַבֵּר הָעָם בֵּאלֹקִים וּבְמֹשֶׁה לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל: (כא ה) זאגט רש"י ד"ה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל: לְפִי שֶׁהַמָּן נִבְלַע בָּאֵיבָרִים– ווייל די מָן האט זיך איינגעזאפט אין זייער איברים– קְרָאוּהוּ "קְלֹקֵל", אָמְרוּ, עָתִיד הַמָּן הַזֶּה שֶׁיִּתְפַּח בְּמֵעֵינוּ, די מָן וועט זיי קראנק מאכן, ווייל כְּלוּם יֵשׁ יְלוּד אִשָּׁה שֶׁמַּכְנִיס וְאֵינוֹ מוֹצִיא, (ספרי פח; יומא עה ע"ב) עס איז א מורא'דיגע פליאה: ווייל יעצט איז געווען די ענדע פון פערציג יאר, און זיי האבן די גאנצע צייט געגעסן פון די מָן ,און עס האט זיי ביז יעצט נישט קראנק געמאכט, אויב אזוי פארוואס זאלן זיי מורא האבן אז פונקט יעצט וועט עס זיי שאטן? און באמת דארף מען אויך פארשטיין פארוואס האבן די אידן געזאגט כִּי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם, ווייל אפילו די בְּאֵרָה שֶׁל מִרְיָם האט זיך דעמאלטס אויפגעהערט, האבן זיי געהאט וואסער פון די סֶלַע און אויך די מָן, ממילא האבן זיי געהאט לֶחֶם און מַיִם, איז וואס זאגן זיי אֵין לֶחֶם וְאֵין מַיִם? נאר די אידן האבן געהאלטן די גאנצע צייט, אז עס איז א חידוש אז די מָן שאט זיי נישט, נאר זיי האבן פארשטאנען אז די כח פון טרינקען די וואסער פון בְּאֵרָה שֶׁל מִרְיָם, איז געווען די סגולה און רפואה, אז די מָן זאל זיי נישט קראנק מאכן, דעריבער האבן זיי יעצט געזאגט: אֵין לֶחֶם, מיר האבן נישט קיין נארמאלע גשמיות'דיגע ברויט, און וְאֵין מַיִם, מיר האבן אויך נישט די וואסער וואס וועט זיין א רפואה פאר די מָן, וועגן דעם האבן זיי געזאגט, לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר? (קרן לדוד להגה"צ ר' אליעזר דוד גרינוואלד מסאטמאר)

## לפרשת בלק

**וואס האט בלק באמת געוואלט?**

וְעַתָּה לְכָה־נָּא אָרָה לִּי אֶת הָעָם הַזֶּה כִּי עָצוּם הוּא מִמֶּנִּי: (כ"ב ו) עס זענען דא צוויי דיוקים: פארוואס דארף שטיין "לִי" זאל שטיין אָרָה אֶת הָעָם הַזֶּה? אויך איז שווער פארוואס שטייט מִמֶּנִּי עס וואלט געקענט נאר שטיין כִּי עָצוּם הוּא? נאר בלק האט געזען אז מואב וועט פאלן אין די הענט פון דוד וואס ער וועט ארויסקומען פון רות המואביה, דעריבער האט ער דאס געוואלט אפהאלטן דורך בלעם, וואס זאל אים שעלטן, ממילא וועט רות נישט ארויסקומען פון אים, דעריבער האט ער געזאגט אָרָה "לִי" אויף אים אליין, כדי אז דוד המלך זאל נישט געבוירן ווערן. און דאס מיינט מִמֶּנִּי, ווייל דוד דארף ארויסגיין פון אים. (פני דוד –החיד"א) קען מען צושטעלן וואס הרה"ק ר' חיים פאלאז'י ברענגט אין זיין ספר תנופה חיים אויפן פסוק וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר פְּתוֹרָה: (כב ה) אלע פרעגן פארוואס דארף די תורה דערציילן פון דעם פלאץ פְּתוֹרָה, עס וואלט געווען גענוג צו שרייבן אז מען האט געשיקט מלאכים צו בלעם? נאר בלק איז געווען א שונא ישראל, און האט נישט געוואלט אז רות זאל ארויסקומען פון אים, האט בלק מרמז געווען פאר בלעם "פְּתוֹרָה" וואס דאס איז דער נוטריקון פֹּה רות, און בלק האט געוואלט אז בלעם זאל דאס אפהאלטן, אבער דער אריז"ל זאגט: אין זכות פון די מ"ב קרבנות וואס בלעם האט מקריב געווען, האט מואב געהאט די זכיה אז רות זאל ארויסקומען פון זיי, און דאס האט בלק נישט געוואוסט! קומט אויס אדרבה דורך זיין גיין צו בלעם האט דאס געברענגט די ישועה פאר כלל ישראל. (מלוקט ע"י המו"ל)

**וואס מיינט כי הולך "הוא"**

אִם־לִקְרֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם לֵךְ אִתָּם .... וַיֵּלֶךְ עִם שָׂרֵי מוֹאָב: וַיִּחַר אַף אֱלֹקִים כִּי הוֹלֵךְ הוּא: (כב כ–כב) איז שווער אז דער אויבערשטער האט געזאגט קוּם לֵךְ אִתָּם, אויב אזוי פארוואס איז געווען וַיִּחַר אַף אֱלֹקִים? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט וואס רש"י זאגט אִם לִקְרֹא לְךָ: אִם הַקְּרִיאָה שֶׁלְּךָ וְסָבוּר אַתָּה לִטּוֹל עָלֶיהָ שָׂכָר. דאס מיינט אז דער גיין וועט זיין פאר דיין הנאה וועגן, מעגסטו גיין. אבער עס שטייט פון רבינו אפרים פון חז"ל, אז בלעם האט געוואוסט אז אויב ער וועט שעלטן כלל ישראל וועט ער אויך שטארבן, און פונדעסטוועגן איז ער געווען גרייט אויף דעם וועגן זיין שנאה צו כלל ישראל, און די ראי' איז ווייל דא שטייט כִּי הוֹלֵךְ הוּא און ביי עשו שטייט הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ לָמוּת, זעהט מען אז הוֹלֵךְ איז מרומז אויף מיתה. דעריבער איז דער אויבערשטער געווען אין כעס אויף זיין גרויסע שנאה צו די אידן. לויט דעם איז גוט פארוואס שטייט כִּי הוֹלֵךְ "הוּא" און נישט כִּי הוֹלֵךְ? נאר דעם "הוּא" גייט אויף בלעם, וואס ער וויל אויך שטארבן מיט די אידן. דאס קען זיין וואס בלעם האט געזאגט תמות נפשי מות ישרים, וואס ישרים זענען די אידן, אז ער איז געווען גרייט צו שטארבן צוזאמען מיט די אידן. [איך האב אויך געזען א רמז "וַיִּחַר אַף אֱלֹקִים כִּי הוֹלֵךְ" איז בגימ' לָמוּת 476.]

אנדערע מפרשים זאגן אז דער "הוּא" מיינט, ווייל דער אויבערשטער האט געזאגט אִם לִקְרֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם לֵךְ אִתָּם, דאס מיינט אויב דו וועסט גיין נאר ווייל זיי האבן דיר גערופן, דעמאלטס בין איך מסכים, אבער כִּי הוֹלֵךְ "הוּא" בלעם האט געוואלט גיין פון זיין אייגענעם רצון צו שלעכטס טאן פאר די אידן, דעריבער וַיִּחַר אַף אֱלֹקִים, ווייל כִּי הוֹלֵךְ, דעם גיין איז וועגן "הוּא", זיין שנאה. מיט דעם קען מען זאגן אז דער אויבערשטער האט געוויזן פאר בלעם מיטן אָתוֹן אז אויב א אָתוֹן קען רעדן און ווייסט דיין דעת אז דו ווילסט שלעכט'ס טאן און וועגן דעם האט ער נישט געוואלט גיין, דאס מיינט

וַתִּרְאַנִי הָאָתוֹן "וַתֵּט לְפָנַי" און אוּלַי "נָטְתָה מִפָּנַי", דער אתון האט געוואוסט אז איך בין נישט מסכים מיט דיין גיין, דעריבער האט זי זיך אפגעהאלטן גיין "מִפָּנַי" וועגן מיר, איז בלעם געווארן פארשעמט און ער האט געזאגט וְעַתָּה אִם רַע בְּעֵינֶיךָ אָשׁוּבָה לִּי: (שמחה זבולון תש"פ)

## מדור העובדות

## ****** הרה"ק ר' מיכל פון ברעזאן האט געבויגן א עושר פון זיין שטאלץ******

הרה"ק רבי מיכל הלפרין מברעזאן זצוק"ל איז געווען דער זון פון הרה"ק ר' לייבוש דער בעל אמרי יהודה בן הרה"ק ר' פייבוש דער בעל שפת אמת, פון די תלמידים פון היילגן חוזה מלובלין זיע"א, ר' מיכל איז געווען א איידים פון הרה"ק ר' שלמה מייער מסאסוב, דער זון פון היילגן רבי חנוך העניך מאלעסק וואס איז געווען דעם איידים פון הרה"ק רבי שלום, דער שר שלום מבעלזא זיע"א.

ר' מיכל האט געפירט זיין הויף אין ברעזאן און איז געווען א גאון בנגלה ובנסתר. דארט אין ברעזאן האט געוואוינט א בחור וואס האט געהייסן הירץ, וואס איז געווען זייער קלוג און פארשטאנען זייער גוט צו פערד, וואס ווען ער אנגעטאפט א פערד האט ער געוואוסט צו דער פערד איז געזונט און אויך ווי שטארק דאס איז. די אלע סוחרים וואס פלעגן קויפן פערד פון די ציגיינערס, וואס פלעגן ביז יעצט אפנארן די סוחרים, האבן זיי יעצט אפגעאטעמט רוהיג, וויסנדיג אז הירץ קען מען נישט אפנארן, און אזוי האט ער זייער שיין פארדינט פון זיין מומחה שאפט, מיט די צייט האט זיין נאמען זיך שטארק פארשפרייט אין די גאנצע געגנט, און אלע פריצים און שרים האבן באשטעלט הירץ צו איינהאנדלען פאר זיי פערד, און הירץ האט שיין פארדינט פון דעם.

הירץ איז געווען א פשוטער בחור אבער זייער ערליך געהיט אלע מצוות, ער איז שוין געווארן אביסל עלטער און קיין שידוך איז נישט געווארן, ווייל ער האט געוואלט א מיידל א יחסן, אבער זיין יחוס איז נאר געווען זיין געלט, חז"ל זאגן יגעת ומצאת תאמין, און דער אויבערשטער איז מזווג זיווגים, און אין ברעזאן איז געווען א חשובער איד, א גרויסער יחסן, וואס איז געווארן לא עלינו א יורד, און האט געהאט א גראטענע מיידל, אבער ער האט נישט געהאט א פרוטה אויף א חתונה, און אוודאי נישט אויף קיין נדן, ממילא איז זי געזעצן, און מען ווארט פאר ישועת ה', עס איז אריבער א שטיק צייט און א שדכן האט אנגעטראגן הירץ פאר זיין טאכטער, און הירץ האט צוגעזאגט אלע הוצאות אויף זיך, און ער דארף נישט קיין נדן, און דער טאטע האט נישט געוואוסט וואס צו טאן, האט ער געפרעגט זיין טאכטער, און די מיידיל איז געווען צופרידן פון הירץ, און דער שידוך איז געווארן בשעה טובה.

הירץ איז געווען א קובע עתים לתורה און נאך די חתונה האט הירץ זיך אריינגעלייגט אין מסחר, און מיט זיין באקאנטשאפט מיט די גרויסע פריצים און שרים, און זייענדיג זייער ערליך און קלוג האבן די פריצים אים געטרויט, און מיט די צייט איז הירץ געווארן א גרויסער עושר, זיין הארץ איז געווען אפען פאר אלע צדקות און געגעבן מיט א ברייטע האנט, און וואס מער ער האט געגעבן צדקה האט די עשירות געוואקסן, אבער עשירות האט גורם געווען אז די גאות איז אים אויך געשטיגן און ער האט זיך געהאלטן פאר א איש חשוב און איינגעהאנדלט א חשובן פלאץ אין מזרח, און איז געווארן איינע פון די ראשי הקהל. די קהלה איז געווען זייער צופרידן מיט הירץ ווייל ער האט צוגעשטעלט אלעם וואס עס האט אויסגעפעלט, אויך דער רבי ר' מיכל האט אים ליב געהאט, און הירץ האט געשטיצט ר' מיכל ביד רחבה.

הירץ פלעגט זיצן ביים שיעור פון עין יעקב און משניות אבער זיין ידיעה אין לערנען איז געווען זייער שוואך, אבער כדרך א בעל גאה האט ער זיך איינגערעדט אז ער קען לערנען און האט זיך צוגעזעצט צום שיעור פון רבין וואס איז געווען טיף אין נגלה און נסתר, נאך אפאר טעג זיצנדיג ביים שיעור, האט הירץ געמוטשעט עטליכע בחורים אים איבערזאגן דעם שיעור, און זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה און דאס געטאן. ווען ר' מיכל האט זיך דערוואוסט פון דעם האט ער צוגערופן הירץ און געזאגט איך וועל דיר דערציילן א מעשה:

עס איז געווען אמאל א פריץ וואס איז געווען זייער רייך וואס האט ליב געהאט ארום צופארן און זיך אויסקוקן אויף די שיינע וועלט, און ער האט געהאט א גוטע הארץ און פלעגט גיין אין די שענק און כאפן א טרונק און די ארעמע לייט פלעגן הנאה האבן פון אים ווייל ער האט זיי אלעמאל געקויפט א טרינק. איינמאל אין ער געווען אויף א נסיעה וואס ער האט מיטגענומען זיין קאטש מיט פיר געזונטע פערד און עטליכע באדינערס, האט ער געזען אויפן זייט ליגט א שיכור וואס איז געווען באוואקסן מיט האר און זיינע צוויי פעקלעך ליגן לעבן אים, וואס מן הסתם פלעגט ער שנארן אפאר פרוטות און זיך אנגעטרונקען און געשלאפן, דער פריץ האט רחמנות געהאט אויפן ארימאן און האט געהייסן זיין באדינערס אים ארויפלייגן אויפן וואגן און מען האט אים געשפריצט מיט בושם ווייל ער האט געשמעקט, און דער פריץ האט געהייסן מען זאל שוין פארן אין פאלאץ און אים אפשערן און ארום וואשן און אנגעטאן נייע קליידער, דער שיכור איז די גאנצע צייט געשלאפן.

דער פריץ האט אים געלאזט אין א צימער און געווארט און געקוקט פון א פענסטער נייגעריג געווען וואס דער ארימאן וועט טאן ווען ער שטייט אויף. ווען דער ארימאן איז אויפגעשטאנען און ער קוקט זיך ארום און זעהט אז ער איז אפגעשוירן, און האט נייע קליידער, און פרעגט צו זיך הויך וואס קען דא זיין? ער איז דאך געווען א שיכור און א ארימאן, און יעצט איז ער א מענטש אין א רייכן פאלאץ, און זאגט מוז דאך זיין אז באמת בין איך א רייכער מענטש און דאס זיין א ארימאן איז נאר געווען א חלום! און ער גייט צו צום שפיגעל און קוקט זיך אן און ער זעהט א רייכער שיינער מענטש, און ער ווערט זייער צומישט, און ער זאגט אז ער האט א וועג צו זען וואס איז דער אמת, און ער קוקט זיך ארום אין צימער און זעהט אפאר ביכער, און איז מחליט ביי זיך, אויב ער קען ליינען וואס עס שטייט, איז א סימן אז זייענדיג א ארימאן איז א חלום, און ער נעמט די ביכער און זעהט אז ער פארשטייט נישט קיין ווארט, ווייל ער האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלערנט ליינען. האט ער ווייטער געזאגט אבער ער איז נאך נישט זיכער, ווייל אסאך פריצים קענען אויך נישט ליינען, ממילא איז דאס נישט קיין ראיה! און דער פריץ קומט אריין אין צימער און דערציילט אים אז ער איז טאקע געווען א ארימאן, נאר ער האט רחמנות געהאט אויף אים, און אים ריין געמאכט און אים געשטעלט אויף די פיס.

האט ר' מיכל געזאגט פאר הירץ דו בלייב ווייטער מיט דיין עין יעקב און משניות, און וויים וואו דו האלטס! הירץ האט גוט פארשטאנען דעם משל און האט אפגעלאזט די בחורים. הירץ האט זיך געבויגן פון דעם משל, און שטארק באדאנקט דעם רבין פון זיין חכמה, און דער רבי האט געזאגט יעצט וועסטו פארשטיין וואס מיינט איזהו חכם המכיר את מקומו.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה**

תהלים בן ביתי קאמארנא דפוס ראשון סגולה לישועות, ספר יד שאול עם הרבה הגהות מהגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים, טור או"ח ווילנא תר"ם חתימות והגהות רבני טשענגער,, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800, ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז, ספר עדת יעקב מאדמו"ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר' אברהם פאם עם הקדשת המחבר $200, א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מהגאון מראגאטשוב, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי, א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען open 11:30 to 7:30 4403 16 Ave Brooklyn NY 11204 71 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday

א רשימה פון אונזער ספרים און בריוון צו באקומען מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און פאר פדיון נפש

*WWW.SEFORIMWORLD.COM*